**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/17/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווארנער HOCHUL מעדלט גלאבלפאנדעריס וועלן אוועקשטעלן אן ערשטמאליגע פארגעשריטענע פאקונג און פאטאניקס צענטער אין ניו יארק סטעיט

***פארברייטערט באדייטנד ניו יארק'ס פארגעשריטענע פאקונג מעגליכקייטן - א הויפט שריט אין די סעמיקאנדאקטער פאבריצירונג פראצעדור***

***נויטיג פאר טשיפס גענוצט אין AI, אוטאמאטיוו, אעראספעיס און פארטיידיגונג***

***וועט העלפן פארגרעסערן דאמעסטישע טשיפ-פאבריצירונג קאפאציטעט, שטיצן נאציאנאלע זיכערהייט און שטופן פרעצעדענטלאזע לאקאלע און לענגאויס די סטעיט עקאנאמישע וואוקס אין ניו יארק'ס קאפיטאל ראיאן***

***בויט אויף גאווערנער Hochul'ס פארפליכטונג צו אוועקשטעלן א גלאבאלע צענטער פאר סעמי-קאנדאקטער פאבריצירונג אין ניו יארק סטעיט***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז GlobalFoundries (GF), א פירנדע פאבריצירער פון סעמיקאנדאקטערס וואס געפינט זיך אין סאראטאגא קאונטי, וועט אינוועסטירן 575 מיליאן דאלאר צו שאפן א נייע צענטער פאר פארגעשריטענע פאקונג און טעסטינג, און נאך 186 מיליאן דאלאר פאר R&D איבער די קומענדיגע 10 פלוס יאר אין איר מאלטא פאבריצירונג איינריכטונג. די ניו יארק פארגעשריטענע פאקונג און פאטאניקס צענטער וועט פארברייטערן GlobalFoundries' פארגעשריטענע פאקונג מעגליכקייטן - וואס איז א קריטישע טייל פון די דעזיין און פאבריצירונג פון טשיפס. די באמיאונגען זענען ערווארטעט צו שאפן 102 נייע פול-טיים דזשאבס אין די קאפיטאל ראיאן איבער די קומענדיגע פינף יאר.

"GlobalFoundries איז אן אויפגעוויזענע עקאנאמישע גענעראטאר וואס ווייזט פונקטליך וויאזוי די אינדוסטרי קען טראנספארמירן א ראיאן," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "זייער אנגייענדע וואוקס און הצלחה זענען א שטופ צו סיי די קאפיטאל ראיאן און די סטעיט, און ציט צו איינוואוינער און ביזנעסער צוגלייך. GlobalFoundries פארברייטערונג אין פארגעשריטענע פאקונג פאר פאטאניקס און אנדערע אפליקאציעס איז גוטע נייעס פאר ניו יארק און איך דאנק דיביידען אדמיניסטראציע, סענאטאר Schumer (שומער) און אונזער קאנגרעסיאנעלע דעלעגאציע צו פארזיכערן אז מיר בלייבן קאנקורירנד אין די 21'סטע יאר הונדערט עקאנאמיע."

**GlobalFoundaries פרעזידענט און CEO דר. Thomas Caulfield (טאמאס קאולפילד) האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ זיך צאמצושטעלן אויף די סטעיט און פעדעראלע שטאפל אויף די נייע צענטער, וואס איז א דירעקטע אפרוף צו אונזערע קאסטומערס בעטן פאר מער דשיאדיווערסיטעט אין זייער סופליי טשעינס און נאך שטיצע מיט פארגעשריטענע פאקונג לעזונגען פאר GF סיליקאן

פאטאניקס, Trusted און D/HI3 פארשלאגן. די ניו יארק פארגעשריטענע פאקונג און פאטאניקס צענטער וועט זיין אייגנארטיג אין אונזער אינדוסטריע און וועט שפילן א וויכטיגע ראלע אין די אנגייענדע וואוקס פון די עמפייער סטעיט'ס וועלט-קלאסישע סעמיקאנדאקטער פאבריצירונג און אינאוואציע עקאסיסטעם."

די קאמפעני'ס עקזיסטירנדע Fab 8 איינריכטונג אין מאלטא איז א נאציאנאלע פירער אין פארגעשריטענע פארבריצירונג, פראדוצירנדיג 400,000 וועיפערס יעדע יאר. ביז יעצט, האט די קאמפעני אינוועסטירט מער ווי 15 ביליאן דאלאר אין Fab 8 און האט יעצט 2,500 ארבעטער אינעם קאפיטאל ראיאן.

די ניו יארק פארגעשריטענע פאקונג און פאטאניקס צענטער בויט אויף GlobalFoundries' עקזיסטירנדע פלענער צו פארברייטערן זייער fab אין מאלטא. ניו יארק סטעיט וועט צושטעלן ביז 20 מיליאן דאלאר אין שטיצע פון דעם נייעם צענטער, וואס איז אין צוגאב צו די פריער געמאלדענע 550 מיליאן דאלאר אין שטיצע פאר GlobalFoundries פון די אויספירונג-באזירטע Green CHIPS פראגראם. די U.S. דעפארטמענט פון קאמערס וועט צושטעלן ביז 75 מיליאן דאלאר אין דירעקטע פינאנצירונג צו שטיצן דעם צענטער, צוגעבנדיג צו די קאמפעני'ס פריער פארענדיגטע CHIPS אקט אווארד.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט CEO און קאמישינאר Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "אונטער גאווארנער Hochul's (האקול'ס) פירערשאפט און אינוועסטירונגען, פירט ניו יארק סטעיט אמעריקע'ס סעמיקאנדאקטער ווידעראויפשטייג. GlobalFoundries באשלוס צו אינוועסטירן, פארמערן און נאך מער דשאבס אין די קאפיטאל ראיאן ווייזט די סוקסעס פון די סטעיט'ס סטראטעגיע, און אז אינאוואציע איז באמת די הארץ פון ניו אירק."

**סענאט מינאריטעט פירער Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "א דאנק מיין ביפארטיזאן CHIPS & סייענס געזעץ, GlobalFoundries פלאנט יעצט צו בויען אן ערשמאליגע פארגעשריטענע טשיפ פאקונג און טעסטינג צענטער דא אינעם קאפיטאל ראיאן, ווייטער שטיצנדיג אפסטעיט ניו יארק צו פירן די לאנד'ס סעמיקאנדאקטער פאבריצירונג צוריקקום איך בין שטאלץ צו געבן די נאך 75 מיליאן דאלאר, אין צוגאב צו די 1.5 ביליאן דאלאר אין CHIPS פינאנצירונג וואס איך האב פארזיכערט לעצטע יאר, צו העלפן די קאפיטאל ראיאן און ברייטערע אפסטעיט ניו יארק'ס טשיפס עקאסיסטעם וואקסן גרעסער ווי מיר האבן אמאל געטראכט. די נייע איינריכטונג אין די קאפיטאל ראיאן וועט פארזיכערן אז סעמיקאנדאקטערס קען ווערן פארזיכערט פאבריצירט, געפאקט און געטעסט אינגאנצן אין די פאראייניגטע שטאטן, א וויכטיגע געברויך פאר אונזער אוטא, פארטיידיגונג און טעק אינדוקסטריס אזויווי AI. דאס מיינט נייע, גוט-צאלנדע דשאבס דא אין GlobalFoundries' מאלטא איינריכטונג, פארמינערטע פארלעסליכקייט אויף פרעמד-געמאכטע טשיפס, און שטערקערע נאציאנאלע און עקאנאמישע זיכערהייט פאר אמעריקע. ווען איך האב געשריבן די ביפארטיזאן CHIPS & סייענס געזעץ, האב איך געמאכט זיכער אז עס זענען געווען געלטער ספעציעל פאר די וויכטיגע סארט פון טשיפס וואס GlobalFoundries פראדוצירט אין מאלטא און וואס טוט ווייטער ברענגען פארדינסטן ווען מיר זעען די נייע וואוקס. GlobalFoundries' פארברייטערונג אין ניו יארק איז אויך ערמעגליכט מיט די פארטנערשאפט פון גאווארנער Hochul (האקול), וואס איך דאנק פאר איר שטארקע שטיצע און פירערשאפט אין צוריקברענגען די אינדוסטרי צו אונזערע ברעגעס. הייינט נעמען מיר נאך א שריט צו מאכן די הארץ פון אמעריקע'ס טשיפ אינדוסטרי צוריק דא אין די קאפיטאל ראיאן און אפסטעיט ניו יארק."

GlobalFoundries' ניו יארק fab האט Trusted Foundry קרעדענשלס און פאבריצירט פארזיכערטע טשיפס אין פארטנערשאפט מיט די פאראייניגטע שטאטן רעגירונג.

ביז יעצט, זענען די מערסטע דאמעסטישע אינוועסטירונג אין פארגעשריטענע פאקונג איז פארגעקומען אין אריזאנא און טעקסעס. ברענגענדיג א באדייטנדע פארגעשריטענע פאקונג צענטער אין מאלטא וועט ברענגען א באדייטנדע נייע סעריעס פון געלעגנהייטן פאר די קאפיטאל ראיאן, און ניו יארק אין אלגעמיין, צו ווייטער פירן די וואוקס פון א וועלטליכע קאנקורירנדע סעמיקאנדאקטער אינדוסטרי קלאסטער.

**גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פארפליכטיגונג צו פארגרעסערן ניו יארק'ס סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע**

גאווערנער האקול האט אנגעהאלטן א שטארקע פארפליכטונג צו בויען א מאדערנע עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט דורכן אויסברייטערן א דינאמישע און ערפינדערישע סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע. אין 2022 האט די גאווערנער אונטערגעשריבן ניו יארק'ס היסטארישער 'גרינע טשיפס' געזעץ כדי צו מאכן ניו יארק פאר א צענטער פון סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג, שפאנדיג דזשאבס פון די 21'סטע יאר הונדערט און אונטערשטיצנדיג עקאנאמישע וואוקס, בשעת'ן היטן אויף וויכטיגע שוץ מאסנאמען פאר די סביבה. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, האט גאווערנער האקול פארזיכערט א 45 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אוועקשטעלן די "גאווערנער'ס אפיס פאר סעמי-קאָנדאָקטער פארברייטערונג, פארוואלטונג און איינגלידערונג" ( Governor’s Office of Semiconductor Expansion, Management, and Integration, GO SEMI) וואס פירט אן די סטעיט-ברייטע באמיאונגען צו אנטוויקלען די טשיפ פראדוקציע פעלד. אין דעצעמבער 2023, האט גאווארנער Hochul (האקול) געמאלדן א 10 ביליאן דאלאר פובליק-פריוואטע פארטנערשיפ - אריינרעכענענדיג 9 ביליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג פון IBM, Micron, Applied Materials, Tokyo Electron און אנדערע סעמיקאנדוקטער פירערס - צו ברענגען די צוקונפט פון פארגעשריטענע סעמיקאנדאקטער פארש ארבעט צו ניו יארק'ס הויפשטאט ראיאן דורך שאפן די לאנד'ס ערשטע און איינציגסטע אינדוסטריע צוגענגליך, הויכע NA EUV ליטאגראפי צענטער ( High NA EUV Lithography Center) ביי די אלבאני NanoTech Complex וואס האט לעצטנס באקומען 825 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג און האט באקומען די CHIPS for America EUV Accelerator אונטער די CHIPS און סייענס אקט.

ניו יארק איז די היים פון א שטארקע סעמיקאנדאקטאר אינדוסטרי וועלכע שטיצט מער פון 156 סעמיקאנדאקטאר און סופליי טשעין פירמעס וואס געבן ארבעט פאר איבער 34,000 ניו יארקער. א דאנק גאווערנער האקול'ס באמיאונגען, זעצט די אינדוסטריע פאר צו וואקסן מיט גרויסארטיגע אינוועסטירונגען פון סעמי-קאָנדאָקטער ביזנעסער און מאשינערייי און באשטאנדטיילן פירמעס ווי Micron, GlobalFoundries, AMD, Edwards Vacuum, MenloMicro און TTM Technologies צו אויסברייטערן זייער אנוועזנהייט אין ניו יארק. אין פאקט, אין די לעצטע צוויי יאר, האבן טשיפס פירמעס געמאלדן איבער 112 ביליאן דאלאר אין פלאנירטע קאפיטל אינוועסטירונג אין ניו יארק - מער ווי סיי וועלכע סטעיט - און איינס אין פיר יו.עס. פאבריצירטע טשיפס וועט ווערן פאבריצירט אין 350 מייל פון אפסטעיט ניו יארק. קיין איין אנדערע ראיאן אין די קאנטרי וועלן האבן א גרעסערע טייל פון דאמעסטיק פראדוצירונג.

סעמי-קאָנדאָקטערס זענען קריטיש פאר די לאנד'ס עקאנאמישע שטארקייט, דינענדיג אלס די מוח פון מאדערנע עלעקטראניקס און ערמעגליכנדיג טעכנאלאגיעס וואס זענען קריטיש פאר די פאראייניגטע שטאטן'ס עקאנאמישע וואוקס, נאציאנאלע זיכערהייט און קאנקורענץ אויפן גלאבאלע מארקעט. די אינדוסטריע באשעפטיגט דירעקט איבער 300,000 מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן און שטיצט נאך מער פון 1.8 מיליאן דזשאבס אין דאס לאנד. סעמי-קאָנדאָקטערס זענען פון די פינף פראדוקטן וואס ווערן די מערסטע עקספארטירט פון די פאראייניגטע שטאטן, און עס איז די הויפט ביישטייערער צו די פרוקטבארקייט פון ארבעט, ערמעגליכנדיג פארבעסערונגען צו די ווירקזאמקייט און געשליפנקייט פון ארבעט אין כמעט יעדע עקאנאמישע סעקטאר — פון פארמינג ביז מעניופעקטשורינג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן